# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.......................7:30
מוצאי שב"ק.........................8:59

**שיעורים כסדרן**
נ"ך....................יהושע כ"ג-כ"ד
בבלי......................כתובות מ"ה
ירושלמי..............סנהדרין מ"ב
תוספתא......................דמאי ד'
רמב"ם..................חובל ומזיק ז'

פרשת עקב, כ"ג אב, מברכים חודש אלול, אבות פרק ד', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 51 (566)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וְגוֹ' וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ וְגוֹ'. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אוֹיבּ וֶועלְן דִי אִידְן זַיין וואוּיל, זִיךְ אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט עֶר זֵיי גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. רַשִׁ"י זָאגְט, אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן, אוֹיבּ וֶועט מֶען פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן אוֹיף זֵיי מִיט דִי פִּיס, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז שִׁיקְן אַלֶעס גוּטְס. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס זֶענֶען דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס?

דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וָואס זָאגְט דְרֵיי לְשׁוֹנוֹת, תִּשְׁמְעוּן, וּשְׁמַרְתֶּם, וַעֲשִׂיתֶם, אַז דָאס אִיז קֶעגְן מִקְרָא, מִשְׁנָה און גְמָרָא, דִי דְרֵיי הוֹיפְּט לִמּוּדִים, וָואס אַ אִיד דַארְף לֶערְנֶען. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוערְט אִים גוּט און גֶעשְׁמַאק דָאס לֶעבְּן, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת און סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְט אָבֶּער אוֹיף אַלֶע וֶועגְן זִיכֶער צוּ מַאכְן מְ'זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין תּוֹרָה, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קְלָארֶע מֹחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען און פַארְשְׁטֵיין תּוֹרָה, עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע חַבְרוּתָא, און אַזוֹי וַוייטֶער. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָבֶּער גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) וָואס מִיט דֶעם קֶען יֶעדֶער לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין יֶעדֶע סֵפֶר, און מֶען לֶערְנְט עֶס אִין אַ סֵדֶר; אוֹיבּ פַארְשְׁטֵייט מֶען אִיז גוּט, און אוֹיבּ נִישְׁט זָאגְט מֶען בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, און וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט מֶען עֶס צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיּוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס אַוֶועק "דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֶערְנֶען הֵייסְט נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אוֹיף אַמָאל, מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן עִיּוּן, צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר יֶעדֶע זַאךְ". און אַזוֹי קוּמְט אוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ צַייטְן לֶערְנְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָבֶּער וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן און מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל, און אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט רַשִׁ"י, **אִם הַמִּצְוֹת קַלּוֹת שֶׁאָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו תִּשְׁמְעוּן**, אוֹיבּ וֶועט מֶען פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרִינְגֶע מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן טְרֶעטְן עֶס מִיט דִי פִּיס, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" וָואס אִיז אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען און דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וָואס דֶער וֶועג זֶעט טַאקֶע אוֹיס וִוי אַ חוֹזֶק בַּיי טֵייל מֶענְטְשְׁן; אוֹיבּ אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס יָא אַיינְהַאלְטְן, וֶועט מֶען דוּרְךְ דֶעם אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, און דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעבְּן אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת און הַשְׁפָּעוֹת.

נָאךְ אַ מִצְוָה וָואס מֶענְטְשְׁן צֶעטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, אִיז שִׂמְחָה, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) דֶעם פָּסוּק, וְהָיָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פי"ג ס"ה). **וְהָיָה** - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז, עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן - אֲפִילוּ דִי פִּיס וֶועלְן הֶערְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דִי פִּיס וֶועלְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, **וּשְׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית** - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זֶען אַז מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית, וַוייל דִי סָארְט עֲבֵירוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָבֶּער פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, מֶען זָאל זֶען אָפְּצוּהִיטְן דִי מִצְוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן צוּטְרֶעטְן מִיט דִי פִּיס, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחָה, פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן עֶס אַוֶועק; אוֹיבּ וֶועט מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

(תּוֹךְ הַנַּחַל עֵקֶב תשס"ח, זֹאת הַתּוֹרָה עֵקֶב א')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן

וֶוען דֶער צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מִרִימְנוֹב זי"ע אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיז עֶר גֶעזִיצְן און גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ און זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען זִיצְן און לֶערְנֶען און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִי פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען יֶעדְן טָאג צוּ עֶסְן אִין שׁוּל, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען.

אֵיין טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן, הָאט דֶער בֶּעקֶער אִיר מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן אוֹיף בָּארְג, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, און אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג וָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן פַאר אִיר מַאן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט און זִיךְ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דֶעם בֶּעקֶער אַז אִיר זָאל אִיר גֶעבְּן נָאךְ אֵיין בְּרוֹיט אוֹיף בָּארְג, וַוייל אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶער בֶּעקֶער הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן גֶעוָואלְט גֶעבְּן נָאךְ אַ בְּרוֹיט, עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִי וֶועט אִים אַמָאל

<<<<<<

## א גוט ווארט

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת; דוּ וֶועסְט נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין דִי לָאךְ פוּן חוֹבוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן טָאג און נַאכְט וִוי גְרוֹיס זֶענֶען דִי חוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וִוי גְרוֹיס דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז; מֶעגְסְט שׁוֹין טְרָאסְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹיפִיל נִיסִים הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעזֶען אִין לֶעבְּן, אַזוֹיפִיל הָאסְטוּ שׁוֹין גֶע'דַאֲגָה'ט און בַּיים סוֹף הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת - אֵיין גְרוֹיסֶער בּוּידֶעם, אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאֲגָה'ן? טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג) דִי אַלֶע וָואס טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט הָאבְּן אַ טוּנְקְלְקֵייט אוֹיפְ'ן פָּנִים, אַן אוֹיסְגֶעלָאשְׁנְקֵייט, עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אַנְפִּין חֲשׁוּכִין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ב)




דער מולד וועט זיין: שבת אינדערפרי 16 מינוט און 5 חלקים נאך 8 | ראש חודש אלול יהיה ביום השבת קודש ולמחרתו ביום הראשון

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס אַלְטֶע אַייִנְגֶעגֶעסֶענֶע וֵוייטָאג?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

דָאס אִיז אַן עֶכְטֶע מוֹפֵת, דָאס אִיז אַ הֶעלְד; נָאכְן וֶוערְן גֶעפַּייִנִיגְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן דִי אֵייגֶענֶע מַאמֶע, אַלֶע קִינְדֶער יָארְן הָאט מֶען אַייךְ אַזוֹי צֶעדְרוּקְט, דֶערְוָוארְגְן אוּן דֶערְנִידֶערְט, אוּן הַיינְט נָאכְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה, אֱמוּנָה וְשִׂמְחָה - רֶעדְט אִיר שֵׁיין, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אִיר. עֶס אִיז אַרוֹיס פוּן אַייךְ דִי פַּארְגַאנְגֶענְהֵייט, (מֶען גֶעדֶענְקְט עֶס נָאךְ אוּן עֶס טוּט וֵויי, אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁטָא מֶער דִי פַּיינְטְשַׁאפְט וְכוּ') - דָאס אִיז אַ מוֹפֵת פוּן רֶבִּי'ן.

הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער וַוייבְּלֶעךְ גֵייעֶן צוּ טֶערֶעפִּי פַאר דֶער זַאךְ, עֶס פַּייִנִיגְט זֵיי וָואס מֶען הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּן, עֶס לָאזְט זֵיי נִישְׁט מְנוּחָה, דָאס לֶעבְּן גֵייט צוּגְרוּנְד; מֶען פַארְבְּרֶענְגְט רוֹב לֶעבְּן בַּיי טֶערֶעפִּי, סוּפָּארְ"ט גְרוּפְּ"ס וְכַדוֹמֶה.

וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ - וָואלְט אִיר דָאס גֶעדַארְפְט דֶערְצֵיילְן בְּרַבִּים פַאר אַלֶעמֶען, אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ צוּ הֵיילְן, אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלְטֶע וֵוייטָאג פוּן אַ מַאמֶע, אַייִנְגֶעגֶעסֶענֶע פַּיין - דוּרְךְ אֱמוּנָה, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה.

וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ - וֶוערְט דִי לֶעבְּן אַזוֹי זִיס, מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר, אַלֶעס אִיז אַ פַּארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַיין טַאטֶע, מַיין מַאמֶע, מַיין שְׁוֶוער, מַיין שְׁוִויגֶער, מַיין וַוייבּ, מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי לֶעבְּן וֶוערְט גְרִינְג, דֶער לֶעבְּן וֶוערְט זִיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן, אִינֶעם זְכוּת פוּן מִצְוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם זָאלְט אִיר הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן לִיכְטִיגֶע, עֶרְלִיכֶע, אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיךְ זָאל זַיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ אַ פְּלַאץ פוּן שָׁלוֹם, פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשפ"ב)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אַ גְרוֹיסֶער צִיבּוּר קוּמְט אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט תּוֹרָה.**

### תקלג

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, הָאט מֶען גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן וִוי עֶר זָאגְט, "צוּמָאל וֶוען מֶען וִויל הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף קָאפּ וֵוייטָאג, נֶעמְט מֶען בְּלוּט פוּן דִי אָדֶערְן אִין דִי פִּיס". [זֶע אִין פֵּירוּשׁ "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה" אוֹיף דִי תּוֹרָה].

נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזָאגְט וִוי אַזוֹי מֶען צִינְדְט חֲנוּכָּה לִיכְט, מִיט דִי בְּחִינָה פוּן 'לְאַמְשָׁכָא מְשַׁח רְבוּת קוּדְשָׁא וּלְאַדְלָקָא בּוֹצִינָא', אַ בְּחִינָה פוּן 'שֶׁמֶן מִשְׁחַת קֹדֶשׁ' (שְׁמוֹת ל', כ"ה), וָואס דָאס אִיז דִי 'דַעַת', וִוי בַּאקַאנְט", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט וַוייטֶער עֶרְקְלֶערְט וָואס עֶר מֵיינְט.

### תקלד

י"ב שְׁבָט, שַׁבָּת שִׁירָה, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְקֶע.

דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער חַיָה אִיז דֶעמָאלְט דָארְט גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעלִיטְן דֶעמָאלְט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע קְרֶענְק אוֹיף דִי אוֹיגְן, עֶס הָאט אִיר אַרוֹיפְגֶעוָואקְסְן אוֹיף דִי אוֹיגְן עֶפֶּעס וָואס מֶען רוּפְט 'בִּילְמָא', בִּיז זִי אִיז כִּמְעַט בְּלִינְד גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ.

<<<<<<

<<<<< מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

קֶענֶען בַּאצָאלְן.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, זִי הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בֶּעקֶער אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף אִיר מַאן. זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי אִיר מַאן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגֶעסְן פַאר דְרֵיי טֶעג. דֶעמָאלְט הָאט אִיר דֶער בֶּעקֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט, אָבֶער נָאר אוֹיבּ אִיר גֶעבְּט מִיר אַוֶועק אֵייעֶר גַאנְצֶער חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן!"

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ טוּן, אָבֶער צוּם סוֹף הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם גֶעשֶׁעפְט, אוּן זִי הָאט אִים אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל אַז זִי גֶעבְּט אִים אַוֶועק אִיר גַאנְצֶע גַן עֵדֶן, אוּן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַ בְּרוֹיט. עֶר הָאט אִיר טַאקֶע גֶעגֶעבְּן אַ בְּרוֹיט אוּן זִי אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן מִיט אֵיין אָטֶעם צוּ טְרָאגְן דֶעם בְּרוֹיט פַאר אִיר מַאן אִין שׁוּל.

וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט זִי גֶעזֶען אַז אִיר מַאן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן פַארְחַלָּשְׁ'ט. גְלַייךְ וֶוען זִי הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דָאס בְּרוֹיט, הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעגֶעסְן. עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "זָאלְסְט וִויסְן אַז וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט וֶוען מִיר נִישְׁט יֶעצְט דֶעם בְּרוֹיט, וָואלְט אִיךְ רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פַאר הוּנְגֶער".

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִי זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען. וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וֵויינְט, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא פַאר דִי אֵיינֶע בְּרוֹיט. אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט דַיין לֶעבְּן, אָבֶער וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין מִיט מִיר?" דֶער צַדִיק הָאט אִיר בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט זָארְגְן, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דַיין מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְרוֹיסְן שְׂכַר, אוּן דוּ וֶועסְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן".

יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִיר גֶעלֵייגְט אִינֶעם זֶעלְבְּן אוֹהֶל נֶעבְּן אִיר מַאן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אִין יֶענֶע צַייטְן צוּ לֵייגְן דִי רֶבִּיצִין נֶעבְּן אַ צַדִיק, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִימָן אוּן אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם אִין גַן עֵדֶן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׂכַר פַאר פְרוֹיעֶן וִוי פַאר מֶענֶער. פַארְוָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר? וַוייל זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵק אוּן זֵיי שְׁטַארְקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיךְ וַוייל זֵיי טְרָאגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט צוּ אִיר מַאנְ'ס זַייט, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס גוּטְס פוּן אִים, זִי קוּקְט אַרוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ זַיין ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן זִיכֶער רֶעדְט זִי אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס זִי אִיז מְחַזֵק אִיר מַאן, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ פוּנְקְט אַזַא גְרוֹיסֶע שְׂכַר וִוי אִים, זִי וֶועט זִיךְ טֵיילְן מִיט זַיין חֵלֶק אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס וֶועט אִיר זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וֶוען מֶען זָאגְט אַז דִי פְרוֹי טֵיילְט זִיךְ מִיט דִי שְׂכַר פוּן אִיר מַאן, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז יֶעדֶער פוּן זֵיי וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען הַאלְבּ. אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִיר מַאן, וֶוערְט אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַ חֵלֶק פוּן זַיין שְׂכַר אוּן מֶען גֶעבְּט עֶס פַאר דִי פְרוֹי. דָאס אִיז אַ טָעוּת. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד.) אַז דִי מַאן אוּן פְרוֹי זֶענֶען וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה) אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן אוּן וַוייבּ, אֵיין נְשָׁמָה. נָאר וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוערְט עֶס צוּטֵיילְט אִין צְוֵויי גוּפִים, פַאר דִי מַאן אוּן פַאר דִי וַוייבּ. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען זֵיי הֶעלְפְן זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אִינְאֵיינֶעם.

מְ'קֶען נִישְׁט שַׁאצְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק פַאר אִיר מַאן. זִי אִיז אִים מְחַזֵק אוּן שְׁטַארְקְט אִים, זִי הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אַז עֶר זָאל קֶענֶען זַיין ווָאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז עֶר זָאל רוּאִיגֶערְהֵייט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין דַרְגָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט זִי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אִשָּׁה וְעֶרֶךְ זְכוּת)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ב) אוֹיפְ'ן מַאֲמָר אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (מִשְׁפָּטִים צַ"הַ.) "עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְּלֵית לָהּ עַיְינִין", אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז זִי גֶעוֶנְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַּאר רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם, אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הָאט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה פַאר זַיין טָאכְטֶער.

**תקלה**

י"ט אָדָר אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיינֶע שְׁרִיפְטְן אֵיין סֵפֶר וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן פוּן דָארְט עֶטְלִיכֶע בוֹיגְנְס פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי תּוֹרָה "תִּשְׁעָה תִּקּוּנִין" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ') וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט (סִימָן תק"ט), אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל עֶס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן.

דִי תּוֹרָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְ'ן בּוֹיגְן אִינְמִיטְן אַ בְּלַאט, וָואס פוּן אוֹיבְן אוֹיף דֶעם בְּלַאט אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אַן אַנְדֶערֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן יֶענֶע תּוֹרָה פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ שְׁרַייבְּן, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמוּזְט פָארְזָאגְן דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי תּוֹרָה פַאר רֶבִּי נָתָן אוֹיף אוֹיסְנֶוֵוינִיג, וָוארְט בַּיי וָוארְט, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת, זַיין פָּנִים הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁיינֶען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר רוֹיט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַבִּיסְל אִינְמִיטְן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז יֶענֶע נַאכְט אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן דִי יָארְצַייט פוּן זַיין מַאמֶע, אוּן עֶר הָאט פַארְגֶעסְן צוּ צִינְדֶען אַ לִיכְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט קַדִּישׁ פַאר אִיר, [עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַן עִיבּוּר יָאר, וָואס מֶען הַאלְט דִי יָארְצַייט אִין בֵּיידֶע חֳדָשִׁים פוּן אָדָר], אוּן אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן דִי תּוֹרָה אִיז זַיין מַאמֶע גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים דֶערְמַאנְט אִיבֶּער דִי יָארְצַייט.

דֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ גֶערוּפְן אַ מִנְיָן אִידְן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גֶעזָאגְט קַדִּישׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעצִינְדֶען אַ לִיכְט פַאר אִיר.

אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶערוּפְן אַ מִנְיָן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאוֶונְט פַארְ'ן עָמוּד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרְכוּ אוּן קְדוּשָּׁה, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אַלֶע קַדִּישִׁים פוּן "וּבָא לְצִיּוֹן", "תְּפִלָּה לְדָוִד", "פִּטּוּם הַקְטוֹרֶת", אוּן "עָלֵינוּ", אַלֶע קַדִּישִׁים הָאט עֶר אַלֵיין גֶעזָאגְט. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גֶעזָאגְט קַדִּישׁ דְּרַבָּנָן.

דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל פַארְדֶעם אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט פַארְ'ן עָמוּד. דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרְכוּ אוּן קְדוּשָּׁה פַארְ'ן עָמוּד.

**תקלו**

דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס זַיין שְׁוֶוער מוּטְשֶׁעט אִים צוּ דִינֶען אַלְס רָב אִין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע שְׁטֶעט. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס טַאקֶע נִישְׁט? אַדְרַבָּה, פָאר צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן בֶּעט אִים עֶפֶּעס אַ רַבָּנוּת פָּאסְטְן!", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא פוּן פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁאֵלוֹת אִין אִיסוּר וְהֶיתֵּר, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ מַאכְן אַ טָעוּת חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ וֶועל פַּסְקְ'עֶנֶען נִישְׁט רִיכְטִיג", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם, "אוֹיבּ דוּ טְרֶעפְסְט אֵיין פּוֹסֵק וָואס פַּסְקְ'נְט אַזוֹי, קֶענְסְטוּ זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דֶעם. יֶעצְט קֶענְסְטוּ רוּאִיג גֵיין בֶּעטְן אַ רַבָּנוּת פָּאסְטְן פוּן דַיין שְׁוֶוער".

הָאט רֶבִּי נָתָן צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "דֶער רֶבִּי מֵיינְט דָאס מִיט אַן אֱמֶת", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "יָא!", הָאט רֶבִּי נָתָן ווִידֶער אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט, "מִיט אַן אֱמֶת'ן אֱמֶת?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "ווִילְסְט דֶעם אֱמֶת'ן אֱמֶת?! שְׁטֵייזְשֶׁע דָא!", עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אַז עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן קַיין רָב, נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מוּז אִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער אוֹיף שַׁבָּת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צוּ קוּמֶען צוּ אוּנְז אִין אוּנְזֶער קְלֵיינֶע פַארְשְׁטוּפְּטֶע בָּאנְגֶעלָאו אוֹיף שַׁבָּת, מִיט מַיין מַאנְ'ס הַסְכָּמָה.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אִיךְ פִּיל וִוי סֵיי מַיין שְׁוֶוער אוּן סֵיי מַיין שְׁוִויגֶער וֶועלְן זַיין אִין מַיין נָאז אַ גַאנְץ שַׁבָּת אוּן זוּנְטָאג, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע פְּרִיוַואטְקֵייט, אִיךְ גֵיי דַארְפְן שְׁלָאפְן אִין דִי קָאךְ מִיט אַ פוּרְהַאנְג, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דְרֵייעֶן בַּאקְוֶועמֶערְהֵייט אִין מַיינֶע אֵייגֶענֶע ד' אַמּוֹת, אִיךְ גֵיי שְׁפִּירְן וִוי אַ פְרֶעמְדֶער גַאסְט אִין מַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ גֵיי זַיין וִוי אַ שְׁטִיקְל מִיסְט, בְּלוֹיז וַוייל מַיין מַאן וִויל גֶעבְּן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַ שַׁבָּת וַואקַאצְיֶע.

בִּין אִיךְ מְחוּיָּב נָאכְצַאלְן צוּ מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, נָאר וַוייל מַיין מַאן וִויל אַזוֹי? וֶוען זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נֶעבְּן מִיר, בִּין אִיךְ שוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַארְף מַיין רוּאִיגְקֵייט, מַיין "סְפֶּעיס", אוּן דָא זָאל אִיךְ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מַצָּב וִוי אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען? אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט זֵיי בִּכְלַל, אוּן אַ קְלֵיינֶע בָּאנְגֶעלָאו נָאךְ אוֹיךְ, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן? אִיךְ מֶעג אַרָאפְּשְׁטֶעלְן קְלָאר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים? אִיז עֶס גֶערֶעכְט? אִיךְ טְרַאכְט אַז מַיין מַאן קֶען מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. אִיךְ בִּין צֶעמִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ב אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זֶענְט נִישְׁט מְחוּיָּב דָאס צוּ טוּן, אִיר דַארְפְט דָאס נִישְׁט טוּן; דִי שְׁאֵלָה אִיז, וָואס וֶועט זַיין אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם וֶוען אִיר וֶועט זַיין דִי אַלְטֶע בַּאבֶּע אוּן אֵייעֶר מַאן - דֶער זֵיידֶע, אוּן אִיר וֶועט זוּכְן זוּמֶער אַ פְּלַאץ וואו צוּ זַיין; אִיר וֶועט זִיךְ זִיכֶער מְחַיֶּ' זַיין אוֹיבּ אֵייעֶר קִינְד וֶועט זִיךְ צוּזַאמְקְוֶועטְשְׁן פַאר אַ שַׁבָּת, אַייךְ אַרַיינְנֶעמֶען אוּן אַייךְ מַאכְן בַּאקְוֶועם.

עַל פִּי הֲלָכָה קֶענְט אִיר זָאגְן: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ", "עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ שְׁלָאפְן אִין קָאךְ מִיט אַ פוּרְהַאנְג וְכוּ' וְכוּ'", אָבֶּער וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַאר עֶלְטֶערְן... דָאס לֶעבְּן אִיז דָאךְ נָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען קֶען מְחַיֶּ' זַיין דִי עֶלְטֶערְן; אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ, מֶען וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְכַבֵּד עֶלְטֶערְן, דַאן וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי גֶעזוּנְט; זֵיי וֶועלְן אַייךְ אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין.

אִיךְ בִּין אַזוֹי אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלֶע מַיינֶע יָארְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַרַיינְגֶענוּמֶען מַיין בַּאבֶּע, זִי פְלֶעגְט אַיינְשְׁטֵיין אַ הַאלְבֶּע זוּמֶער בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן; מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְּלַאץ, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ פָּשׁוּטֶ'ע בָּאנְגֶעלָאו, זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶר שְׁלָאף שְׁטוּבּ פַאר אִיר, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעקְוֶועטְשְׁט אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי קִינְדֶער. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

צְוֵויי שְׁלָאף שְׁטִיבֶּער, דִי בֶּעסְטֶע שְׁטוּבּ הָאט מֶען אִיר גֶעגֶעבְּן, אוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אוּן מַאמֶע תְּחְיֶ' הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעקְוֶועטְשְׁט מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ; עֶס אִיז אוּנְז קִינְדֶער נִיטְאַמָאל אַיינְגֶעפַאלְן אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן נִישְׁט, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אַלֶע טוּעֶן אַזוֹי, מִיר הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז בַּיי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן דֶער עִיקָר פוּן דִי לֶעבְּן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז, פַארְוָואס דַארְף דָאס זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ? פַארְוָואס זָאל מֶען דָאס נִישְׁט וֶועלְן טוּן מִיט שִׂמְחָה?! עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אַז דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיר זָאלְט לֶעבְּן מִיט דִי מִצְוָה – וֶועט אִיר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דַארְפְן מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אִיר וֶועט הַנָאָה הָאבְּן פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ב)

# סימן טוב ומזל טוב

החתן **שמעון** הי"ו בן
מו"ה **נחמן נייששטיין** שליט"א
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א
מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב

***

החתן **שמואל** הי"ו בן
מו"ה **זלמן לייב אייכנשטיין** שליט"א
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **שמואל לייב פעלבערבוים** שליט"א

***

מו"ה **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יוסף פריעדמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אהרן שווארץ** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שלמה טייטלבוים** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל הלוי שעכטער** הי"ו
צו די בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **יהודה** נ"י

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# דער חכם מיט'ן תם

## דראמאטישע הערליכע פלעי פאר פרויען און מיידלעך
## דעם זונטאג, מאנטאג, און דינסטאג פרשת ראה

די נייעס איבער די גאר דראמאטישע העכסט אינטערעסאנטע פלעי, "דער חכם מיט'ן תם", וואס ווערט אהערגעשטעלט דעם קומענדיגן וואך אי"ה דורך די "בית פיגא ברסלב" תלמידות, איז זייער שנעל צעשפרייט געווארן פון מויל צו אויער ביי פרויען און מיידלעך. כאטש וואס מ'האט צוגעגרייט צו מאכן דריי מאל די פלעי, לויפן אבער אויס די טיקעטס גאר שנעל.

אין לויף פון די יארן האט די סקול שוין אויפגעשפילט גאר שיינע פארשטעלונגען פון די מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, אבער דאס מאל אנטשפרעכט עס צו זיין גאר א פראפעסיאנאלע געלונגענע פלעי, וואס וועט איבערשטייגן אלע פריערדיגע, עס וועט האלטן געשפאנט די צושויער פאר לאנגע שעות, און זיי באגלייטן אויף שפעטער פאר גאר א לאנגע צייט.

אין די פריערדיגע יארן איז די שפיל געווען דער געשפרעך פון טאג פאר א לאנגע צייט ביי די פרויען, די שפיל "דער בערגער און דער ארימאן" איז ארויסגעקומען שפעטער און איז פארקויפט געווארן אויף די אידישע מארקעט, און איז געווארן פון די בעסטע פארקויפטע פלעיס, און ביז יעצט ווערט נאך פארקויפט טויזנטער שטיק דערפון. ווי מען הערט צוריק פון די קאסטומערס וואס האבן עס געקויפט, האט דער שפיל איבערגעלאזט א געוואלדיגע רושם אויף די צוהערער. איינער האט געשריבן: "איך האב שוין געזען אסאך פלעיס, און אפילו מער פראפעשאנעל, אבער וואס די פלעי האט געמאכט מיט מיר האב נאך קיינמאל געהאט, נאכ'ן זען די פלעי בין איך אריין אין מיין צימער און פשוט אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן ווי מען רעדט צו א חבר'טע - צום ערשטן מאל אין מיין לעבן!! א גרויסן דאנק בית פיגא סקול פאר די פלעי!"

די פארשטעלונג וועט זיין פון די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט אין די ניינטע מעשה אינעם הייליגן ספר "סיפורי מעשיות". די מעשה פאר זיך איז גאר א דראמאטישע ערציילונג, עס הויבט זיך אן מיט צווי קינדער וואס האבן געלערנט אין איין חדר, איינער איז געווען א חכם און דער צווייטער א תם. אין לויף פון די געשיכטע באגלייטן מיר די לעבנ'ס געשיכטע פון ביידע קינדער ביז צו זייער עלטער, ווי אזוי דער גרויסער חכם, דער וועלט בארימטער פראפעסאר, דער ריזן עושר, איז צוביסלעך איינגעגאנגען און איז געווארן א בעטלער און אריינגעפאלן טיף אין די בלאטע, און דער תם וואס האט גארנישט געהאט און גארנישט געקענט, א שוסטער וואס קען קוים מאכן שיך, א בלוטיגער ארעמאן, האט זייער שיין מצליח געווען.

אין לויף פון די סצענעס וועט מען מיטהאלטן לעבעדיג די פרייליכע און טרויעריגע מאמענטן, אנגעצויגענע און רואיגע מצבים, און זען וואס איז דער סוד פון הצלחה אויף דער וועלט, ווי אזוי קענען מיר מצליח זיין אין לעבן, אפילו אויב מיר קענען גארנישט און מיר פארמאגן גארנישט.

די פלעי וועט אי"ה פארגעשטעלט ווערן אין די פראכפולע אודיטאריום פון די בנין המוסדות אין ליבערטי, אויף 39 Chestnut St., דעם קומענדיגן זונטאג ראה (Aug. 21) אום 1:30 אזייגער נאכמיטאג, מאנטאג ראה (Aug. 22) אום 7:30 ביינאכט, און דינסטאג ראה (Aug. 23) אום 7:30 ביינאכט. די פרייז פון א טיקעט איז $25. מ'קען קויפן טיקעטס דורכ'ן רופן במשך דעם טאג 347-786-1767 אדער 347-263-2467. טראנספארטאציע פאר גרופעס קען מען רופן פון 6 ביז 10 נאכמיטאג אויף 845-381-6585.

מאכט זיכער צו קויפן טיקעטס פון פאראויס, ווייל ס'וועט נישט בלייבן צופיל טיקעטס צו קויפן ביים טיר.

**לבית יעקב אלו הנשים!**

***

# זיצן אין ביהמ"ד היכל הקודש אין אומאן

ווי שוין געמאלדן דא אינעם גליון האט מען שוין אנגעהויבן פארדינגען זיצן אין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן. די זיצן לויפן אויס גאר שנעל, מאכט זיכער צו דינגען אייער זיץ ווי פריער, ווי לאנג עס איז דא אן אויסוואל פון גוטע זיצן, צו קענען דאווענען מיט א רואיגקייט און התעוררות, אויסצו'פועל'ן א זיס לעכטיג יאר. מ'קען דינגען א זיץ דורכ'ן רופן 347-404-8738. לאזט א מעסידזש און מ'וועט אייך אי"ה צוריק רופן.

דאנערשטאג נאכט, ביים וועכנטליכן שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועט מען אי"ה קענען אויסוועלן א זיץ, און באצאלן די באלאנס.

טראץ אלע סארט נייעסן וואס מען הערט כסדר אהער און אהין, אויב מען וועט קענען פארן אויף אומאן דאס יאר, זענען ברסלב'ע חסידים זיך קיינמאל נישט מייאש, מען בעט דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל אז מיר זאלן זוכה זיין אויך דאס יאר צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי ער האט געבעטן און פארלאנגט פון אונז, און מיט תפלה וועלן מיר זיכער פועל'ן צו פארן בשלום און צוריק קומען בשלום, און פועל'ן אלעס גוטס ברוחניות ובגשמיות.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

# א פאטש געכאפט

**"א פאטש געכאפט און פרייליך געקלאפט", האט דער רבי געזאגט ווען דער פויקער האט געכאפט א פראסק. וואס לערנט דאס אונז?**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 75**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >